# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Vol. XIV. No. 2. 50 CENTS A YEAR OCTOBER, 1931.

## CAN WE BE HUMBLE?

Perhaps the greatest sin of our Jewish people today, aside from the rejection of the Lord Jesus Christ as Saviour and Messiah, is Pride. With Pride also there goes Boastfulness. When one goes into the synagogues and Reformed Temples, nothing seems to grate so much on his sensibilities as the fact that the rabbi himself seems to be filled with pride and a sense of his importance. Let someone utter from a pulpit or in the public press a word that has in it the least suggestion of criticism of our Jewish people, and at once the fire of anger spits forth from the rabbis. They will not stand the least bit of criticism no matter how just may be the ground. This of course is an unfortunate manifestation of self-righteousness and conceit.

Now notice in contrast to all this that the greatest Person that ever walked on this earth, the Lord Jesus Christ, was so humble that even in the hour of the most horrible agony, when men crucified Him on the Cross, platted upon His head a crown of thorns, spit at Him, and then hurled a spear into His side, this Lord Jesus Christ never uttered a word of complaint. He said only, "Father forgive them, for they know not what they do".

This Lord Jesus Christ, the Son of God, and co-heir with Him in all the indescriable magnificence of celestial glory, so humbled Himself that He came down to this earth to be born in human form, and in a manger.

So humble was this Son of God that when He entered Jerusalem to announce Himself as the Messiah of Israel, He came riding upon an ass. Other Kings ride chariots, in royal purple, with an army before and an army behind, but this greatest King of all came riding alone and on an ass. Strangely enough this very fact was foretold many years before by the great prophet Zechariah, who tells us in Zech. 9:9:-

> "Rejoice greatly, O daughter of Zion; shout, O daughter of Jerusalem: behold, thy king cometh unto thee: he is just, and having salvation; lowly, and riding upon an ass, and upon a colt the foal of an ass."

Again, so humble was this divine Son of God that one day when He was to take supper with His disciples, He arose, took a towel and Himself washed the feet of the disciples. John 13:5.

And so we could go on and give you many other illustrations of the wonderful humility which the Lord Jesus Christ manifested when He was here in human body upon the earth. But the reason we mention all this is not only to draw a contrast between what the Lord Jesus Christ was and what our own Jewish rabbis are, but to say very kindly and firmly that after all it is really impossible for any of our Jews to be humble, unless first of all they themselves become followers of the Lord Jesus Christ, and through accepting Him as their Lord and Saviour, they will receive from Him the gift of humility; and people who meet them will be astonished at this evidence of the miraculous change that has taken place. This is the wonderful fact of the Lord Jesus Christ, that He is able to transform human lives and make them indeed true children of God. This is also true concerning Gentiles, for no Gentile can have true humility unless first he shall have come to the Lord Jesus Christ and become thru Him a child of God, and receive from Him those very characteristics that show the very life of the Lord Jesus Christ living in his own self.

So, dear Jewish reader, if you really want to be humble, will you not go to the Lord Jesus Christ and ask Him to make you so, after of course having first made you a true child of God thru the forgiveness of your sins, by means of the precious blood which was shed for you on the Cross.

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

> "Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life."—John 4:14)

And, behold, two of them went that same day to a village called Emmaus, which was from Jerusalem about threescore furlongs. And they talked together of all these things which had happened. And it came to pass, that, while they communed together and reasoned, Jesus himself drew near, and went with them. But their eyes were holden that they should not know him. And he said unto them, What manner of communications are these that ye have one to another, as ye walk, and are sad? And the one of them, whose name was Cleopas, answering said unto him, Art thou only a stranger in Jerusalem, and has not known the things which are come to pass there in these days?

And he said unto them, What things? And they said unto him, Concerning Jesus of Nazareth, which was a prophet mighty in deed and word before God and all the people: And how the chief priests and our rulers delivered him to be condemned to death, and have crucified him. But we trusted that it had been he which should have redeemed Israel: and beside all this, to day is the third day since these things were done. Yea, and certain women also of our company made us astonished, which were early at the sepulchre; And when they found not his body, they came, saying, that they had also seen a vision of angels, which said that he was alive. And certain of them which were with us went to the sepulchre, and found it even so as the women had said: but him they saw not. Then he said unto them, O fools, and slow of heart to believe all that the prophets have spoken: Ought not Christ to have suffered these things, and to enter into his glory? And beginning at Moses and all the prophets, he expounded unto them in all the Scriptures the things concerning himself.

And they drew nigh unto the village, whither they went: and he made as though he would have gone further. But they constrained him, saying, Abide with us; for it is toward evening, and the day is far spent. And he went in to tarry with them. And it came to pass, as he sat at meat with them, he took bread, and blessed it, and brake, and gave to them. And their eyes were opened, and they knew him; and he vanished out of their sight. And they said one to another, Did not our heart burn within us, while he talked with us by the way, and while he opened to us the Scriptures? And they rose up the same hour, and returned to Jerusalem, and found the eleven gathered together, and them that were with them, Saying, the Lord is risen indeed. (Luke 24:13-34).

**OUR HEADQUARTERS**



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.,**
**Brooklyn, N. Y.**

**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

Send us 25c. in coin or Stamps and we will mail you a 40c New Testament in Hebrew, Yiddish or English.

Address:
THE SHEPHERD OF ISRAEL
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

## QUESTIONS AND ANSWERS

Readers are invited to send questions for this Column. Your question should be signed, but in no case will your name be made public; it will be kept in confidence, as evidence of your good faith.

**Question 10:** Why do you not convert the Christians into being real Christians, instead of coming to us Jews to convert us?

**Answer.** No one is ever born a Christian. Every person who is a real Christian has had to accept the Lord Jesus Christ as Saviour, and in such acceptance he became "converted"; that is, he turned into a different person, and he became a child of God thru faith in the Lord Jesus Christ. He was born again. Such a person is called a Christian, and a Christian can be black or white, yellow or brown, Jew or Gentile. Now the Lord Jesus Christ commanded His followers, in Matt. 28:19, "Go ye therefore and teach all nations." This means that it is our business to preach the Gospel to everybody, whether he be Jew or Gentile. And so the Christian Church sends missionaries to all nations, to China, to Japan, to Russia, to Poland and also to the Jews.

**Question 11:** If Jesus was God's "only" begotten son, then how can Exodus 4:22 say that Israel is His Son; and how can Deut. 14:1 say, "Ye are the children of the Lord?" And how can Malachi 2:10 exclaim, "Have we not all one father?"

**Answer.** The Hebrew word for father has three or four different meanings.

1. In the sense of progeny or begetting.
2. The word father means originator. Gen. 4:20, 21 calls Jabel "the father of such as dwell in tents" and Jubal "the father of all such as handle the harp and organ." In this sense of origination God calls Israel His son. Israel's origin and source is in the call and promise of God given to Abraham and his seed.
3. The word father means creator. In this sense Malachi 2:10 calls all men children of God, as is explained in the second clause saying, "hath not one God created us." The Lord Jesus is called in Scriptures "the only begotten son" not created. Ps. 2, "Thou art my son, this day have I begotten thee."
4. A prophet is called father. 2 Kings 13:14


שיקט אונז 25 סענט אין סטעמפס וועלען מיר אייך שיקען א נייעם טעסטאמענט אין אידיש, ענגליש אדער העברעאיש. דאס וועט אייך די אויגען עפענען.

אדרעס:
27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.


## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

BROOKLYN, N. Y.
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

PHILADELPHIA, PA.
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

ATLANTIC CITY, N. J.
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

PITTSBURGH, PA.
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

DETROIT, MICHIGAN
BETH SAR SHALOM
7709 OAKLAND AVE. AT CLAY

## אונזערע מיסיאנען:

איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופ עוועניו

פילאדעלפיא, פא.
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

אטלאנטיק סיטי
בית שר שלום
2603 פאסיפיק עוועניו

פיטסבורג, פא.
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

דעטראיט, מישיגען
בית שר שלום
7709 אוקלענד עוועניו. ביי קלעי

## פראגען און אנטווארטען

לעזער פון דיעזען בלאט זענען איינגעלאדענט צו צושיקען פראגען פאר דיעזען קאלום. די פראגען מוזען זיין אונטערשריבען ביים זענדער, אבער אונטער קיינע אומשטענדען וועלען וועלכע נעמען פארעפענטליכט ווערען צום לעזע פובליקום.

### פראגע

אמשטאט צו באקעהרען אידען צום קריסטענטום פארוואס באקעהרט איהר נישט ליעבער די קריסטען אז זיי זאלען זיין גוטע קריסטען?

### אנטווארט

דאס ווארט באקעהרען מיינט, אז מ'זאל זיך צוריק קעהרען צו גאט. "שובו בנים". די קריסטען זענען צוערשט געווען איינפאכע גוים און ווען זיי זענען באקעהרט געווארען, גלויבענדיג אין ישוע המשיח, זענען זיי געווארען ניי געבוירען, נייע בריאים. ישוע המשיח האט אונז געבאטען אז מיר זאלען געהן און פארקינדיגען דאס עוואנגעליאום צו אלע נאציאנען, צו אידען און צו גוים, ווייל אלע זענען זינדיג און מוזען אננעמען ישוע המשיח אלס זייער איינציגען גואל צדק.

### פראגע

ווי אזוי איז ישוע המשיח גאטס "איינגעבוירענער" זוהן אזוי ווי איהר באהויפטעט, ווען גאט רופט אן אויך אידען אלס זיין זוהן? (שמות ד) אויך רופט זיי גאט אן "בנים אתם לד' אלהיכם". (דברים י"ד) און ווידער זאגט דער נביא מלאכי אין קאפיטעל ב: "הלוא אב אחד לכלנו"?

### אנטווארט

אין הייליגען תנ"ך געפינען מיר דאס ווארט "אב" אין פערשיעדענע מיינונגען. ערשטענס מיינט אב א פאטער, אלס איין אורהעבער אדער אריגינאטאר פון א זאך. אין בראשית ד', 21, 22 הייסט עס אז יבל איז געווען "אבי ישב אהל ומקנה" און יובל איז געווען "אבי כל תפש כנור ועוגב". אין דיעזען זין ווערט אויך ישראל אנגערופען גאט'ס זוהן ווייל ישראל'ס אורשפרונג איז אין דער פערהייסונג און פארשפרעכונג פון גאט צו אברהם'ן. צווייטענס הייסט אב א פאטער אין זין פון שעפפונג, אלס א בורא, אזוי ווי מיר לעזען אין מלאכי ב, 10: "אב אחד לכלנו" ווייל "אל אחד בראנו". דריטענס ווערט אב גערופען אין זין פון כבוד, אלישע האט אנגערופען אליהו אלס זיין פאטער און דער מלך יואש האט אנגערופען אלישע'ן "אבי". (מלכים ב, י"ג), און פיערטענס, הייסט אב א פאטער אין זין פון מוליד זיין אזוי ווי מיר געפינען אין תהלים ב, אז גאט זאגט צום משיח "בני אתה אני היום ילדתיך" דו ביזט מיין זאהן היינט האב איך דיך געבוירען. און אין דעם זין האט גאט ב"ה קיינמאל קיין אנדערען נישט אנגערופען מיין זוהן נור דעם הייליגען משיח און דערפאר איז ישוע המשיח גאטס "איינגעבוירענער" זאהן.

דאס נארישע, דאס פינסטערע אוועק געווארפען און אמשטאט דעם אנגענומען דאס געטליכע, דאס שעהנע און דאס ליכטיגע אין ישוע המשיח. און מיר זענען מתפלל צו גאט אויך פאר כל ישראל אז אויך זיי זאלען זעהן אין ישוע המשיח דעם "אור העולם", (יוחנן ח) און אין איהם האבען כפרת עונות ווייל ער איז געווען דאס אמת'ע קרבן חטאת פאר אונזערע זינד אזוי ווי מיר לעזען אין ישעיה נ"ג. לעזט און מאכט אייך בעקאנט מיט דיעזען קאפיטעל וועט איהר אויך בעקאנט ווערען מיט ישוע המשיח. ער וועט באלד צוריק קומען פון הימעל וואו ער זיצט לימין הגבורה. כמו שנאמר "שב לימיני עד אשית אויבך הדום לרגליך" (תהלים קי.) ער וועט קומען און וועט רעגירען אלס מלך על כל הא"ץ.

---

## צוויי קלאסען אידען

די אידישע לאגע אין דיזער מאדערנער צייט איז נישט אנדערש ווי זי איז אמאל געווען ווען אידען האבען געהאט אין זייער באזיץ ארץ ישראל. זיי זענען איינגעטיילט אין צווייערליי כאראקטערען. איין קלאס אידען בענקען אין זייער נשמה נאך גאט. דיעזע קלאס איז צוואר זעהר קליין אין צאהל דאך איז אזא קלאס פאראנען. די צווייטע קלאס באשטעהט פון די גרויסע מאסע אידען וואס דענקען זעהר וועניג, אדער כמעט גאר נישט, פון גייסטיגקייט, זיי זענען פארנומען נור מיט מאטעריאליזם.

ווען ישוע המשיח איז געקומען אלס אן ארעמער יונגערמאן נאך ירושלים, האבען די מאטעריאליסטען קיין חשק געהאט איהם אנצונעמען, זייער גאנצעס וועזען איז געווען איינגעוויקעלט אין געדאנק פון מאטעריאליסטישע אינטערעסען. די אנדערע קלאס אידען אבער וואס האבען געזיפצט און זענען טרויריג געווען איבער די תועבות און זינד פון ירושלים (יחזקאל ט) האבען באלד דערזעהן אין ישוע המשיח די געטליכקייט פערקליידעט, און האבען באלד אויסגעשריגען "הנה השה" ווי אויך "הנה בן אלהים"; און דיזע קלאס אידען עקזיסטירט נאך היינט צו טאג. זיי קוקען נישט אויף אויסווענדיגע און וועלטליכע מאטעריע נאר זיי זעהנען זיך נאך גאט, דערפאר קומען זיי צו ישוע המשיח.

דער הייליגער משיח דורך וועלכען די גאנצע וועלט איז בעשאפען געווארען און האלט אלע וועלטען אין זיין האנד, איז געקומען אין דיעזער וועלט אלס אן עני ואביון אזוי ווי גאט רופט איהם אן אין זכריה ט: "עני ורכב על חמור". אויף דער פראגע פארוואס ער איז געקומען אזוי ארעם. וועט איהר געפינען אן אנטווארט אין דער פאלגענדע געשיכטע וואס האט פאסירט אין שטאקהאלם, שוועדען. און איז איצט געדרוקט אין א בוך פארם:

"א זעהר אינטערעסאנטער פאל איז דא אין שוועדען ענטדעקט געווארען נאך דעם טויט פון א שוועדיש מיידעלביים נאמען אינגע סווענסאן וועלכע איז געשטארבען איינזאם און עלענד.

די פארשטארבענע איז געווען די טאכטער פון א זעהר רייכען מאן, כמעט א מיליאנער, זי איז געווען דאס איינציגע קינד ביי איהרע עלטערן, האט זי זיך אויפגעהאדעוועט אין גרעסטען לוקסוס. ווען זי איז אלט געווארען 18 יאהר האבען זיך צו איהר נע'שדכ'ענט אסאך יונגע לייט און זי איז ענדליך פארליבט געווארען צו אן אפיציער פון דער ארמעע אין וועלכען זי האט געפונען איהר ריכטיגען אידעאל. זי האט איהם זעהר געליעבט און אזוי האט ער געזאגט אז ער ליעבט אויך זי ביז צום וואנזין.

די חתונה האט געזאלט באלד פארקומען, עס האט אבער פאסירט אז איינסטוייל איז דער כלה'ס עלטערן געשטארבען און עס איז ארויס א שם אז זיי זענען גאר געשטארבען זעהר ארעם איינגעטונקען אין אסאך חובות. ווי דער אפיציער האט דאס דערהערט האט ער באלד אבגעלאזט דעם שידוך און האט שפעטער חתונה געהאט מיט א רייכערער פון איהר.

זי האט אויספערקויפט דעם טייערען פאלאץ און איבערגעצויגען אין א ארעמערע וואוינונג און עס האט אויסגעזעהן אז זי לעבט אין ארעמקייט. אבער אין דער ווירקליכקייט האט זי געהאט אסאך געלד און פלעגט געבען אסאך צדקה, שטיצענדיג האספיטעלם און אנדערע וואהלטעטיגע אינסטיטוציעס.

נאך איהר טויט האט מען נאך געפונען איניגע מיליאנען אין געלד וואס זי האט איבערגעלאזט ווי אויך א ביכעל וואס זי האט אנגעשריבען איהר ביאגראפיע און דעם גרויסען סוד פון איהר טראגעדיע. זי שרייבט דארט — אז אין דער צייט וואס זי האט שוין באלד געזאלט חתונה האבען מיט דעם אפיציער זענען זיי געגאנגען אין א טעאטער און מ'האט דארט דאמאלס נאכט פארגעשטעלט ווי א רייך מיידעל האט זיך פארליעבט אין א מוזיקער וואס האט איהר געזאגט אז ער ליעבט זי. זי האט איהם אבער געוואלט שטעלען צו פראבע אויב ער ליעבט זי טאקע באמת אדער ליעבט ער נור איהר געלד. האט זי איהם דערצעהלט א מעשה אז זי איז פארארעמט געווארען און זי מוז געהן פארדיענען איהר טעגליך ברויט.

דער מוזיקער האט אויסגעווירקט ביי זיין באלעבאס אז ער זאל זי אריינגעמען דארט ווי ער האט געשפיעלט, אלס א קעלנערין. דער יונגערמאן האט זי זעהר געליעבט און געשיצט מיט אלע מעגליכקייטען און ער איז אזוי ווייט געגאנגען, אז זי באשיצענדיג האט ער זיין שטעלע פארלוירען.

ער האט מיט דעם מיידעל דערנאך חתונה געהאט און זי האט איהם שפעטער אויסגעזאגט דעם ריינעם אמת, אז בכן, זי האט איהר פארמעגען נישט פארלוירען, און זי האט איהם נור געוואלט אויספרובירען אויב ער ליבט זי טאקע באמת. דאס איז געווען דער אינהאלט פון דער טעאטער פארשטעלונג.

זעהענדיג דאס — זאגט אינגא סוואנסאן אין איהר בוך — האב איך באשלאסען אויך אזוי צו טהון, איך האב געזאגט אז מיינע עלטערן זענען אין גרויסע חובות, ארעם געשטארבען כדי דעם אפיציער אויס צו פרובירען. אזוי באלד ווי ער האט דאס דערהערט, האט ער באלד א בריעף איהר געשריבען אז עס איז אויס־שידוך צווישען זיי, ווייל ער האט באמת נישט זי גופא געמיינט נייערט איהר פארמעגען וועלכעס ער האט געמיינט אז זי האט פארלוירען.

אזוי האט גאט אויך צו פראבע געשטעלט אידען מיט אן ארעמען משיח, דער וואס ליעבט און האט מורא פאר גאט וועט דעם משיח באהערציגען און איהם נאכפאלגען און דאן אין איהם געפינען דעם גרעסטען אוצר, סיי גייסטיג און סיי אין דער ווירקליכקייט ווען ער קומט צוריק צום צווייטען מאל אלס מלך און וועט געבען אן ארט אין זיין מלכות צו אלע וואס האבען איהם נאכגעפאלגט.

---

## א טרינק פון דער קוואלענדער ברון

„ווער עס וועט טרינקען פין דעם וואסער וואס איך וועל איהם געבען דער וועט קיינמאל נישט דורשטיג זיין, נייערט דאס וואסער וואס איך וועל איהם געבען וועט אין איהם זיין א קוואל פון וואסער וואס קוועלט צום עוויגעם לעבען." — יוחנן ד'.

ביי די פרושים איז געווען א מאן מיט'ן נאמען נקדימון, א פיהרער ביי די אידען. איז ער געקומען צו ישוע ביי נאכט און געזאגט צו איהם: רבי, מיר ווייסען, אז דו ביזט א לעהרער, געקומען פון גאט, ווארום קיינער קען ניט טהון די וואונדער וואס דו טהוסט, סיידען גאט איז מיט איהם. האט ישוע געענטפערט און געזאגט צו איהם:

אמן, אמן, איך זאג דיר: סיידען א מענש ווערט געבארען פון אויבען (הימעל), קען ער ניט זעהן די מלוכה פון גאט.—זאגט נקדימון צו איהם: ווי אזוי קען איינער געבארען ווערען ווען ער איז אלט? קען ער דען נאך אמאל אריינגעהן אין זיין מוטער'ס לייב און געבארען ווערען? האט ישוע געענטפערט:

אמן, אמן, איך זאג דיר: סיידען איינער ווערט געבארען פון וואסער און גייסט, קען ער ניט אריינקומען אין די מלוכה פון גאט. דאס וואס איז געבארען פון פלייש איז פלייש, דאס אבער וואס איז געבארען פון דעם גייסט איז גייסט. וואונדער זיך ניט ווען איך זאג דיר: איהר מוזט אויפס־ניי געבארען ווערען. דער ווינט בלאזט וואו ער וויל; דו הערסט ווי ער ברויזט, ווייסט אבער ניט פון וואנען ער קומט און וואוהין ער געהט: אזוי איז עס אויך מיט איטליכען וואס ווערט געבארען פון דעם גייסט. — נקדימון האט געענטפערט און געזאגט צו איהם: ווי קען דאס געשעהען? האט ישוע געענטפערט און געזאגט צו איהם: דו ביזט א רב אין ישראל און ווייסט דאס ניט? אמן אמן, איך זאג דיר: וואס מיר ווייסען דאס זאגען מיר, און וואס מיר האבען געזעהן דאס זאגען מיר עדות, אונזער עדות נעהמט איהר אבער ניט אן. ווען איך האב צו אייך גערעדט וועגען ערדישע ענינים און איהר גלויבט עס ניט, ווי אזוי וועט איהר גלויבען ווען איך וועל רעדען צו אייך וועגען הימלישע ענינים? און קיינער איז ניט ארויף אויפ'ן הימעל אחוץ איהם וועלכער איז אראב פון הימעל, דער בן־האדם וועלכער איז אין הימעל. און אזוי ווי משה האט אויפגעהויבען די שלאנג אין דער מדבר, אזוי מוז דער בן־האדם אויפגעהויבען ווערען, כדי יעדער איינער וואס גלויבט אין איהם זאל ניט פארלארען ווערען נייערט האבען דאס אייביגע לעבען.

ווארום גאט האט די וועלט אזוי געליעבט, אז ער האט זיין איינציגען זוהן געגעבען, כדי יעדער איינער וואס גלויבט אין איהם זאל ניט פארלארען ווערען נייערט האבען דאס עביגע לעבען. (יוחנן ג. 1-16).


אויף „לך לך", מאכט רש"י: „להנאתך ולטובתך"; קומט וואו מ'ליעבט אייך.

מיר לאדענען אייך איין צו אונזערע פערזאמלונגען.

בית שר שלום

קאר. טרופ עווענין און וואלטאן סטריט.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

Vol. XIV. No. 2. | 50 CENTS A YEAR | OCTOBER, 1931.


## אַ געשלעג איבער כפרות

דאס האט פאסירט אין דעם שטעטל פאביאניץ נעבען לאדזש. הונדערטע אידען האבען זיך געפאטשט, גע'ממית'ט און געשלאגען איינער דעם אנדערן, אלץ נור צוליעב די כפרות. לויט דער גמרא האט אזא מין געשלעג געהאט א איראנישע ער־שיינונג, ווייל די גמרא זאגט "אין כפרה אלא בדם", נו, אז ס'איז געקאמען די צייט פון כפרות, האבען אידען שופך דם געווען.

דאס געשלעג איז נעמליך געשעהן דורך א סכסוך צווישען די רעגולאר קהלה און צווישען א צד שכנגדו וואס זענען געווען געגען דער קהלה, און אט דיעזער סקאנדאל האט עפעס אזוי ווי אויף צו להכעים געמוזט פאסירען דוקא אום ערב יום כפור.

די רבנים אין ניו יארק, אמעריקא, זענען שוין כלומרשט אביסעל מעהר ציוויליזירט און האבען ארויס געגעבען אן אוקאז אז מ'זאל נישט ווארטען מיט די כפרות ביז ערב יום כפור וואס איז דאס יאהר אויסגעפאלען אום זאנטאג, נייערט מ'זאל אנהויבען קוילען די כפרות דאנערשטאג און פרייטאג כדי צו פערמיידען א גרויס געדרענג אין דעם איינען טאג ערב יום כפור.

צו גלייכער צייט, מיט דעם וואס די רבנים האבען געוואלט אויסהיטען א געדרענג און מעגליך א געשלעג אום ערב יום כפור, האבען זיי זיך ארויס־געצייגט אז זיי זענען מסכים צו דעם מנהג פון כפרות, און האבען געשלאגען זייער חותם אויף דיזע פארעלטערטע אנטיקוויטירטע צערעמאניע. אין אמת'ן אבער האט אט דיעזער מנהג לחלוטין קיין שורש אין דער תורה. גאט האט געזאגט אז דאס בלוט אויפ'ן מזבח קאן פארגעבען די זינד פון איד (ויקרא י"ז, 11) אבער נאך דעם ווי דאס בית המקדש איז חרוב געווארען האבען די עטליכע אידען וואס זענען איבערגעבליבען און פארטריבען גע־ווארען אין גלות, געקלאגט און געוויינט, פארוואס זיי האבען נישט מעהר קיין כפרת עונות ווייל זיי זענען דאך געבליבען אהן א מזבח, אהן א כהן און אהן א בית המקדש, איז אונטערגעקומען עפעס א אי־דישער ליץ כלומרשט צו טרייסטען די אידען, און האט זיי איינגערעדט אז זיי זאלען נעמען א הוהן פאר א פרוי און א האהן פאר א מאנסבילד און מיט דעם ארומדרעהן דריי מאל ארום דעם קאפ און זאגען "זה כפרתי . . . ." און דאס וועט שוין מאכען א סוף צום גאנצען פאק עבירות. דער אונטערשיעד איז נור, אז דאס קרבן וואס מ'האט מקריב געווען אין בית המקדש פאר כפרת עונות איז געשעהן אויפ'ן מזבח, און דעם האהן מיט דער הוהן איז מען מקריב אויפ'ן טיש און פון דארט גראד אין מאגען אריין. דערמיט האט דער איד א דאפעלטע שמחה. אי ער דענקט אז ער האט א כפרה און אי ער האט זיך צוזאט גענעסען.

זעהר זעלטען אז עס האט זיך געזאלט געפינען א איד מיט א גענוגענדען שטארקען כאראקטער אז ער זאל דיעזען מיאוס'ן מנהג אבשאפען פון צווישען אידען. עס זענען נור געווען צוויי אדער דריי וועלכע האבען זיך יא געטרויט זייער מיינונג ארויס צו זאגען געגען דיעזען היידנישען מנהג, איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער גאון ר' יוסף כרו און אפאר אנדערע מיט איהם האבען דעם מנהג פער־דאמט אלס א מנהג פון געצענדיענער (טור או"ח) זיי זאגען דארט אז דיעזע פראקטיק פון כפרות שלאגען איז געגען דעם גייסט פון יהדות.

די מאכמעדאנער אין די סירישע דערפער פון דער מדבר קוילען א האהן פאר א אינגעל ווען עס ווערט געבוירען און א הוהן צו דער געבורט פון א מיידעל. דאס צייגט אז אידען האבען דיעזען מנהג גע'ירש'נט פון געצענדיענער. צום סוף האבען אלע רבנים פון גרויס־ניו־יארק איצט עפענטליך גע־שטעמפעלט דיעזען בארבארישען און געצענדינערי־שען מנהג אלס תורת משה, און קיין איינציגער פון די אלע רבנים האט נישט געהאט דעם מוטה צו פסל'ען דיעזען געצענדינערישען מנהג.

עס זענען פאראן צוויי אורזאכען דאפיר. איינס איז, ווייל זיי האבען נעבעך מורא פאר זייער איי־גענער הויט, מען זאל זיי נישט דערפאר מעביר זיין פון רבנות, און צווייטענס, אידען האבען אין זיך אט דיעזען מנהג שוין אזוי שטארק איינגעזאפט אז עס איז פשוט געווארען "עצם מעצמי ובשר מבשרי", אז אפילו משה רבינו אליין זאל קומען און מכריז ומודיע זיין אז דאס איז א פאלשע זאך וואלט מען איהם אויך נישט צוגעהערט און כמעט איהם דערפאר געשטייניגט.

נישט בחנם האט משה רבינו מיט זיין גאנצער ליעבע צום פאלק ישראל איינמאל אויסגערופען "כי עם קשה ערף הוא"! און אויבשאן דאס אידישע פאלק האט שוין אסאך געליטען צוליעב דעם קשה ערף, ווילען זיי דאך נישט איינבויגען די הארט־נעקיגקייט מיט וועלכען זיי האלטען זיך עד היום הזה.

אזוי האבען אויך אונזערע עלטערן דארטען אין ירושלים אין אן אומגליקליכער שעה א פינסטערען טעות געמאכט פערווארפענדיג זייער אייגענעם גואל, ישוע המשיח. וואלט דאך דער איד בעדארפט ביי דער איצטיגער צייט איינזעהן דעם שרעקליכען טעות און זיך שלאגען "הטאתי", איינבויגען דעם "קשה ערף" און אננעמען ישוע המשיח אלס זיין איינציגען גואל און משיח וועלכער איז געווארען דאס קרבן פאר אונזערע זינד אזוי ווי גאט האט געזאגט דורך ישעיה הנביא אין קאפיטל נ"ג: "וד' הפגיע בו את עון כלנו", איז ווידער דער "קשה ערף" די הויפט צרה, און לאזט עס ניט צו.

מיר אידען האבען שוין לײדער געהאט אסאך צו לײדען פאר אונזער גרויסען טעות וואס מיר האבען געמאכט מיט דעם וואס מיר האבען איבערגעגעבען דעם קדוש ישראל ישוע המשיח אין גוי'שע הענד אז מ'זאל איהם קרייציגען, צו־וואס זאלען מיר נאך אין איצטיגען דור צוזעצען שבר על שבר און זיך פעסט האלטען ביי דער פארשימעלטער אלטע שנאה וואס מיר האבען גע'ירש'נט פון אונזער אבות אבותינו צו ישוע המשיח, פארוואס זאלען מיר נישט בעסער אננעמען גאטס ווארט וועלכעס זאגט אונז בפירוש מיט אויסדריקליכע און פעסט געשטעלטע סמנים אין הייליגען תנ"ך אז ישוע איז דער משיח אלהי יעקב?

יעדער איד מיט שכל הישר דארף איינזעהן און פארשטעהן אז ס'איז בעסער צו פאלגען דאס וואס גאט זאגט אלס נאכצוגעהן בלינד נאך אזעלכע לצנים און פארפיהרער וואס האבען אליין פון זיך אויס־געטראכט פארשידענע נארישקייטען, דארונטער אויך כפרות שלאגען, כדי דעם איד צו פארדרעהען דעם קאפ אז ער זאל נישט וויסען אויף וועלכער וועלט ער איז.

מילא געצענדיענער טהוען אזאלכע זאכען איז עס דערפאר ווייל זיי האבען קיין פונק פון אמת, ווייל זיי האבען קיין תורה און קיינע נביאים, אבער ישראל האט דאך דאס אבער יא, טא פארוואס שטור־דירט דאס נישט דער איד אין זיין תורה כדי אויסצו־געפינען דעם אמת וואס גאט האט זיין חותם געגעבען אז ישוע איז דער אמת'ער משיח ישראל? פארוואס זאל ישראל נאך אימער פערווארפען דעם אמת, דאס גוטע און דאס געטליכע, און זיך האלטען מיט נארישע אומגעלומפערטע היידנישע מנהגים?

אט א דאס קלאגט טאקע גאט ב"ה אין ישעיה ה, מיט דעם וואס ער זאגט דארט: "הוי האמרים לרע טוב ולטוב רע שמים חשך לאור ואור לחשך..."

מיר גלויבינע אין ישוע המשיח האבען שוין לאנג


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.